מיט'ן טאלנער זי"ע. די דעכער פון די הייזער זענען געווען אנגעפולט מיט אייז פון דאס קעלט, און רבי נחום בער'ניו איז געגאנגען מיט א לעכט ווייל ס'איז געווען ביינאכט. זאגט איהם דער טאלנער: "היט זיך אז די אייז זאל זיך נישט אנכאפן פון די לעכט"...

האט עמיצער געפרעגט אז דער טאלנער האט דאך אמאל געזאגט אז "ער האט נאך קיינמאל אין זיין לעבן קיין ווערטל נישט געזאגט". האט דער טאלנער געזאגט: "עה, דער וואס פארשטייט איז דאס אויך נישט קיין ווערטל"...

**האדמו"ר מסקווירא-גרינוויל** הציג בעת חלוקת הפירות את בנו הב' אברהם יהושע העשיל [הוא החתן-דנן]: נאכ'ן חתן קומט ער אויף די רייע ב"ה.

**אדמו"ר שליט"א:** דארף ער זיך דאך שוין צוגרייטן צו דעם, ס'שטייט דאך אז די 'הכנה צו די מצוה' איז נאך חשוב'ער ווי די מצוה אליין...

**האדמו"ר מסקווירא-גרינוויל:** ער הייסט נאכ'ן זיידן הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל מסקווירא זי"ע [חותנו של הרה"ק רבי מרדכי זצ"ל בן מרן מהר"ד זי"ע].

**אדמו"ר שליט"א:** יא, מ'דארף זיך נישט לאנג מוטשענען נאך וועמען ער הייסט... ב"ה.

**ונתן מרן אדמו"ר שליט"א** דמי 'דרשה געשאנק' באמרו: כ'קען דאך נישט קומען, אבער 'דרשה געשאנק מעג איך דאך יא גיבן... **ובירכו:** דאז"ה ס'זאל זיין בשעטומ"צ מיט נחת, זכות אבות פון אלע צדדים זאל מגין זיין, בשורות טובות און מ'זאל זיך זעהן מתוך שמחה. ונפרדו לשלום.

✵ עקב הסתלקותו הפתאומית לשמי רום של האי צדיקא ופרישא נהורא נפישא אוהבם של ישראל ענוותן ושפל ברך **כ"ק האדמו"ר רבי ישכר דוב מלעלוב זצוק"ל** בן הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זצוק"ל, אשר יצתה נשמתו בטהרה ביום ראשון **י"ד שבט** העבר זקן ושבע ימים **בן שמונים וארבע שנות חיים** של עבודת ה' בסילודין - מביאים אנו פניני שיח עם יבלחט"א **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א** פה בשיכון:

תואר פני קדשו של כ"ק מרן זי"ע / מצוה גדולה להתפלל על צדיקי הדור / כוונות המקוה - ביטול גמור / איחור זמן תפילה אצל הצדיקים / ביקור הר"מ מלעלוב אצל המגיד מטשערנאביל / על הרה"ק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע / על הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע / אי אמירת תורה אצל הצדיקים

## תואר פני קדשו של כ"ק מרן זי"ע

**האדמו"ר מלעלוב זצ"ל:** כ'האב זוכה געווען להבחל"ח צו זעהן דעם טאטן מרן זי"ע אין ארץ ישראל. כ'בין געווען א בחור און דער טאטע מרן ז"ל איז צוריקגעקומען פון די חופה [של כ"ק רבינו שליט"א] צו די סטאנציע און כ'האב איהם געזעהן קומען אנטקעגן מיר און די צורה איז געווען ממש מורא'דיג! אזוי פאר'דביקות'ט און פאר'מוח'ט, אזא אור! ס'איז געווען א פחד, ממש א פחד צו קוקן! ווייזט אויס אז מ'האט געמאכט אן הפסקה נאך די חופה און ער האט געהאט עפעס אן אכסניה דארט אין שיכון וויז'ניץ.

**אדמו"ר שליט"א:** איינגעשטאנען איז ער נישט אין שיכון וויז'ניץ. כ'קען נישט זאגן לגבי צווישן די חופה און די חתונה, אבער די קביעות'דיגע אכסניות זענען נישט געווען אין שיכון וויז'ניץ.

דאס איז געווען דאס איינציגע מאל וואס דער טאטע ז"ל איז געווען אין ארץ ישראל. ער איז געווען 'שבת שבע ברכות' אין בני ברק, א חלק האט ער געפירט אין בעלזא און נאכדעם אין וויז'ניץ, נאכדעם איז ער געווען א שבת אין ירושלים און א שבת אין צפת.

**האדמו"ר מלעלוב** הגיש קוויטל ופ"נ בצירוף בקשה שיזכה 'לתשובה שלימה'.

**אדמו"ר שליט"א** נטל את הקוויטל ועיין בו ובראותו את הבקשה אמר בביטול: עה... אך האדמו"ר מלעלוב אמר: איך מיין עס ערנסט, כ'מיין עס אמת לאמיתו! נענה רבינו ואמר: 'כל ימיו בתשובה (שבת קנג.)'..![ג]

ובירכו רבינו: דער אייבירשטער זאל העלפן מ'זאל טאקע זיין געזונט, מ'זאל קענען דינען דעם אייבירשטן מתוך שמחה און ס'זאל נתקבל ווערן לרחמים ולרצון און מקרב

ג. ראה גמ' (שם): "תנן התם רבי אליעזר אומר שוב יום אחד לפני מיתתך. שאלו תלמידיו את רבי אליעזר: וכי אדם יודע איזהו יום ימות? אמר להן: וכל שכן ישוב היום שמא ימות למחר **ונמצא כל ימיו בתשובה**". וע"ע 'נועם אלימלך' (אמור): "**דדרך הצדיקים האמיתים שהם כל ימיהם בתשובה** ובכל דבר שעושים מוצאין בו חיסרון שלא עשה הדבר כתיקונו וע"י שמהרהרים בתשובה תמיד הם מעלים אותן הניצוצות שנפלו למטה מחמת חטא שאר בני אדם כ"ז הם מתקנים בכח הרהורי תשובתם".

זיין לב ישראל לאביהם שבשמים.

***בביקורו אצל רבינו**, ליל ה' בהעלותך תשע"ג*

## מצוה גדולה להתפלל על צדיקי הדור

**האדמו"ר מלעלוב זצ"ל:** מיין טאטע [הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זצ"ל] פלעגט נאכזאגן פון פריערדיגע צדיקים, אז ס'שטייט (תענית כד:) כל העולם ניזון בשביל חנינא בני, בשבי"ל איז דער צינור - אלע השפעות קומען דורכ'ן צדיק. און ניזו"ן איז א לשון צמצום, פארוואס איז דאס נאר בצמצום? ווייל 'וחנינא בני די לו בקב חרובין מערב שבת לערב שבת'.

**אדמו"ר שליט"א:** יא, מ'זאגט עס נאך פון פריערדיגע, אז ווייל 'חנינא בני די לו בקב חרובין' דערפאר איז 'ניזון' און נישט 'מתפרנס'.

**האדמו"ר מלעלוב זצ"ל:** האט מיין טאטע ז"ל געזאגט אז דאס זאגט מען ביי די זמירות 'משוך חסדך ליודעיך', אז צדיקים דארפן דאך פאר זיך גארנישט, ס'קומט זיי גארנישט, זיי דארפן גארנישט און זיי ווילן גארנישט... בעטן מיר 'משוך חסדך ליודעיך', זאלסט ממשיך זיין חסדים פאר די צדיקים וואס זענען דבוק אין רבוש"ע, כדי זיי זאלן קענען משפיע זיין פאר'ן עולם!

**אדמו"ר שליט"א:** דאס הייסט אז ס'איז א בחינה פון 'אין חבוש [מתיר עצמו מבית האסורים] (ברכות ה:)', דארף מען אז מ'זאל מתפלל זיין פאר זיי.. (עי' מאו"ע פר' נשא).

**ואמר רבינו:** דער טאטע ז"ל פלעגט די גאנצע וואך פון פרשת שקלים רעדן אסאך אז "ס'קומט שבת פון 'אור פניך'..!". אלע שבתים זענען געווען מיוחס'דיג, אבער דאס איז געווען במיוחד א מיוחס'דיגע שבת!

באמת די אלע עניינים בגשמיות און ברוחניות וואס טויגן נישט דער אייבערשטער זאל אפהיטן, איז דאך א בחינה פון 'הסתר פנים' - אבער אז ס'איז דא די 'הארת פנים' איז דאך עס ממילא פארקערט, לטובה!

**האדמו"ר מלעלוב זצ"ל:** יא, 'ושקל אשא בבית נכון ונשא'.

**אדמו"ר שליט"א:** דער תשואות חן ברענגט אז דאס איז א בחינה פון המתקה, ווייל שק"ל איז בגימטריא ה' פעמים אלקי"ם, אז דאס איז מעלה די ה' גבורות.

***בביקורו אצל רבינו**, ליל ה' משפטים תש"ע*

## כוונות המקוה - ביטול גמור

**האדמו"ר מלעלוב זצ"ל:** כ'זעה אז דער רבי האט אויסגעפירט - כ'האב געבעטן אז כ'וויל נישט מטריח זיין דעם רבי'ן, אבער אין מסרבין לגדול...

**אדמו"ר שליט"א:** דער אמת איז אזוי: 'מצוה שבאה לידך אל תחמיצנה (רש"י שמות יב, יז)', אז כ'זאל עס אפשטיפן אויף מארגן - כ'וויס דען צי כ'וועל קענען? ס'ריקן מיר זיך אונטער אלעמאל טירדות.. האב איך געטראכט אז אויב מ'קען יעצט איז 'אל תחמיצנה'.

**האדמו"ר מלעלוב זצ"ל:** כ'האב אריינגעקוקט אין דעם רבינ'ס תורות פון פרשת משפטים, האב איך געזעהן אז דער רבי האט גערעדט פון 'מקוה'.

**אדמו"ר שליט"א:** פונעם אזולאי זי"ע עה"פ (שמות כד, יח) ויהי משה בהר ארבעים יום וארבעים לילה, אז די תורה איז מטהר ווי א מקוה.

**האדמו"ר מלעלוב זצ"ל:** מ'דערציילט אז הרה"ק רבי דוד'ל לעלובער זי"ע האט געזאגט: "די כוונות המקוה זענען אז מ'גייט אראפ א טרעפל, נאך א טרעפל און נאך א טרעפל, און ווען מ'איז שוין אונטן - בייג זיך יעצט אראפ!"...

**אדמו"ר שליט"א:** כ'האב געהערט פונעם טאטן ז"ל עפעס ענליכס אויך [בשם אביו כ"ק מרן מהר"ד זי"ע], אז מ'גייט אראפ און מ'בייגט זיך אראפ וכו'...

**האדמו"ר מלעלוב זצ"ל:** צדיקים האבן דאס גענומען פונעם זעלבן מקור..!

ס'איז מיר איינגעפאלן לעצטנס אז ס'שטייט (יומא ח, ט) אמר רבי עקיבא אשריכם ישראל וכו', מה מקוה מטהר את הטמאים אף הקב"ה מטהר את ישראל, ביי א מקוה טאמער ס'איז דא א חוט השערה אינדרויסן איז עס שוין נישט מטהר, 'אף הקב"ה מטהר את ישראל' אז מ'דארף זיין אינגאנצן בטל ומבוטל פאר'ן רבוש"ע אהן קיין שום פניה! זיין אינגאנצן בטל פאר'ן רבוש"ע[ד].

**אדמו"ר שליט"א:** כ'האב אמאל דערמאנט פאר די בחורים אז דער בני יששכר (אלול א, טו) ברענגט דאך אסאך אויף די זמנים פון אלול און תשרי, אז די מ' יום פון ר"ח אלול ביז יום כיפור זענען תתק"ס שעות אזוויווי מ' סאה פון א מקוה מיט תתק"ס לוגין, אז דער עצם זמן אליין איז מטהר. האב איך אמאל געזאגט פאר די בחורים, אז דער זמן איז מטהר אבער מ'דארף זעהן אז ס'זאל נישט זיין קיין חציצה... אויב מ'וואשט זיך ארום אז ס'זאל נישט זיין קיין חציצה, דעמאלס איז דער זמן

ד. יצויין לפלא כי האדמו"ר מהרי"ד מלעלוב זצ"ל נסתלק ואתקטיר בהאי קטירא בעת טבילתו במקוה לפני תפילת שחרית, ויצתה נשמתו בטהרה.

מטהר!

*בביקור-גומלין אצלו, ליל ה' משפטים תש"ע*

## איחור זמן תפילה אצל הצדיקים

**האדמו"ר מלעלוב זצ"ל:** וויאזוי איז געווען אין טשערנוביל? מ'פלעגט דאווענען שפעט אזוויי אין אנהייב אין די ערשטע תקופה ביים גרויסער מגיד זי"ע ותלמידיו?

**אדמו"ר שליט"א:** כ'מיין אז יא. דער זיידע מרן מהר"ד ז"ל אליין האט אויך פון אנהייב געדאווענט שפעט.

**האדמו"ר מלעלוב זצ"ל:** דער זיידע איז געווען א זוהן פונעם ערשטן סקווערער מרן רבי איציקל זי"ע. ווילאנג איז דא פונעם זיידן?

**אדמו"ר שליט"א:** ניינציג יאר, תר"פ איז געווען דאס הסתלקות. דער טאטע ז"ל איז געווען פון די יונגערע קינדער, און ער איז דעמאלס געווען נאך א בחור פאר די חתונה. ביי די חתונה אין בעלזא איז שוין דער זיידע ז"ל נישט געווען.

דער טאטע ז"ל פלעגט זאגן בתורת 'ווערטל', אז אין די ערשטע צייטן האט דער זיידע ז"ל געדאווענט גאר שפעט, און אין די שפעטערדיגע יארן איז מען 'קאליע' געווארן און מ'האט שוין געדאווענט פאר חצות..!

די וועלט זאגט עס אויף פארשידענע, און ווייזט אויס אז מ'האט עס אין סקווירא אויך אזוי געזאגט: אין סקווירא זענען דא קלוגע הינער, מ'זאגט 'הנותן לשכוי בינה' שפעט נאכמיטאג און זיי ווייסן ווען צו קרייען...

דער טאטע ז"ל האט מיר אמאל געזאגט אז דער זיידע ז"ל פלעגט אמאל דאווענען פארנאכטס און ביי אונז אין סקווירא האט מען נישט געגעסן פאר'ן דאווענען, און ממילא האט מען געדארפט ווארטן ביז פארנאכטס מיט עסן - האט עמיצער אמאל געפרעגט איינעם פון די יושבים וויאזוי ער האלט דאס אויס. האט ער געענטפערט: ער דארף נישט עסן, ער ווערט זאט פון די 'בשורות', פון די בשורות טובות... נאך צוועלף אזייגער זאגט מען א בשורה אז 'דער רבי טראכט שוין פון גיין אין מקוה', און נאכדעם האט מען געזאגט 'דער רבי איז שוין געגאנגען אין מקוה', נאכדעם זאגט מען אז 'ביז א האלבע שעה דארף ער שוין אפשר אריינקומען דאווענען', נאכדעם אז 'ער גייט שוין דאווענען', און 'מ'האלט שוין דא' און 'מ'האלט שוין דארט'... ממילא דארף ער נישט עסן וויל ער ווערט זאט פון די בשורות, און נאכ'ן דאווענען דעמאלס גייט ער עסן...

אבער אין די שפעטערדיגע יארן האט מען שוין יא געדאווענט פאר חצות.

**הרה"ח ר' בנציון פעלדמאן** (בעל האכסניה): אום תשכ"ה איז אמאל געווען אן אסיפה לטובת די שטעטל אין די 'קו-אפ' אין מאנהעטן, און הגה"צ ר' משה ביק זצ"ל אבד"ק מעזיבוז האט דארט גערעדט. געדענק איך אז האט ער דעמאלס פארציילט אז ביי מרן רבי דוד'ל סקווערער זי"ע איז נישט געווען אזא רייכע הויף ווי אין


**ביהמ"ד תולדות יעקב יוסף דחסידי סקווירא - רמה ד', בית שמש** / בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

~ אי"ה חסידיך הראשונים ~

בשבח והודיה לה' מהולים ברגשי הערצה, מיטב ברכותינו פורצים מעומק הלב חוצה, אמע"כ ידידנו עוז העסקן המופלא איש תבונה ועצה, שמו הטוב לתהילה ולתפארת יצא, מסור בלו"נ שכל עסקן וכל מתפלל יהיה מרוצה, משקיע כוחות להרמת קרן ביהמ"ד בשמחה ודיצה, אחד הוא אברה"ם בעמדו לימין כל קדשי סקווירא בנפש חפצה

**כש"ת מוה"ר אברהם יצחק האלצלער הי"ו** - מגדולי וטובי העסקנים לכל קדשי סקווירא

**לרגל השמחה במעונו באירוסי בת זקוניו הכלה המהוללה שתחי' עב"ג החתן המו"מ כמר יוחנן בר"י בירנהאק נ"י לגדיא יא"ה**

**הוא הגבר אשר משקיע ראשו ורובו בלו"נ בעסקנותו ומומחיותו לייסד ולבסס כל שטיבלך ומוסדות סקווירא החדשים ולא נח ולא שקט עד שרואה הכל על תילה בנויה בס"ד, וגם אצלינו ברמה ד' ידיו רב לו בכל פרטי הקהילה ופעל ועשה בעצה ובמעש מאחורי הפרגוד למען התייסדות ביהמ"ד והתמנות הדיין החשוב והכל בהצנע לכת הרחק מעין רואים**

זכות הרמת קרן התורה והחסידות יעמוד לו ולביתו כל הימים, ויהי רצון מלפני שוכן מרומים, שיזכה להרחיב גבולו בשמחות בטוב ובנעימים, ולרוות רוב נחת דקדושה, במדה מרובה וגדושה, בבריות גופא ונהורא, בשמחה ואורה.

המאחלים בלב מלא רגשי הערצה ; **בנימין זאב שפיטצער** בשם **כל בני הקהילה** / גדול העונה : **צבי אלימלך גאלדקלאנג**-דומ"ץ

אנדערע הויפן, און אינדערהיים אין סקווירא האט מען געזאגט אז "ער האט נישט קיין געלט ווייל ער וויל נישט האבן געלט... ווייל ווען ער וואלט געוואלט האבן, וואלט ער געהאט וויפיל געלט ער וויל! א ראיה צו דעם: זאל דער גרעסטער גביר וועלן דאווענען פיר אזייגער נאכמיטאג און פרובירן צו פארשאפן א מנין - פאר אלע געלטער וואלט ער דאס נישט פארשאפט... און דער רבי האט יעדן טאג מנין ווען ער וויל דאווענען נאכמיטאג! אלא מאי? דאס וויל ער, האט ער עס; און געלט וויל ער נישט, האט ער עס נישט... אבער ווען ער וואלט געוואלט, וואלט ער געהאט וויפיל געלט ער וויל!"...

הרב ביק זצ"ל האט דעמאלס ארויסגעברענגט אויפ'ן רבי'ן ז"ל, אז ער וואלט אויך געקענט האבן געלט - נאר אונז דארפן האבן די זכיה..! אזוי האט ער געפירט דעם גאנצן דרוש.

**אדמו"ר שליט"א:** דער טאטע ז"ל אליין דא אין אמעריקא האט שוין יא געדאווענט פריער אביסל.

**הרב"צ פעלדמאן:** ס'איז אמאל אויסגעקומען אז דער רבי ז"ל האט געדאווענט שפעט צוליב א לוייה ר"ל, אפשר די לוייה פונעם שטעפינעשטער רבי'ן הרה"ק רבי אברהם מתתיהו זי"ע אינדערהיים אין יאס - האט דער רבי ז"ל דעמאלס געזאגט: "וועלן מיר דאווענען ווי דער טאטע ז"ל האט געדאווענט"... כ'האב דאס געהערט פון הרה"ח ר' מנשה זונדל קעניג ע"ה.

**אדמו"ר שליט"א:** דאס איז געווען פאר מיינע צייטן. אזוי דא האט דער טאטע ז"ל יא מדקדק געווען צו דאווענען פאר ד' שעות שוות, דאס הייסט פאר צעהן אזייגער - אבער נאר אינדערוואכן, שבת נישט.

**האדמו"ר מלעלוב זצ"ל:** שבת האט ער געדאווענט שפעטער.

**אדמו"ר שליט"א:** שפעטער, אבער נישט גאר שפעט. ביי אונז זאגט מען תהלים אויך פאר'ן דאווענען בלי הפסק, דער גאנצער עולם - ממילא גאנץ פרי האט מען נישט געקענט דאווענען. באמת אינדערהיים האט ער געדאווענט שבת נאך שפעטער, אבער דא אין שטעטל וויבאלד ער האט איינגעפירט ביי אונז אז ס'איז נאר דא איין מנין שבת און יום טוב, האט ער צוליב דעם ציבור אביסל מקדים געווען: ווינטער האט ער געדאווענט האלב-עלעף, און זומער עלעף אזייגער.

**האדמו"ר מלעלוב זצ"ל:** שיטת רבינו תם האט ער יא געהאלטן.

**אדמו"ר שליט"א:** יא, לחומרא זיכער. למשל לגבי מקבל שבת זיין נישט, מ'האט מקבל שבת געווען אסאך פריער, פינעף און צוואנציג מינוט פאר די שקיעה. מוצאי שב"ק האט מען אודאי געווארט, נאר אפילו יעדן טאג מעריב האט ער אויך געדאווענט נאר נאך רבינו תמ'ס.

***בביקור-גומלין אצלו**, ליל ה' משפטים תש"ע*

## ביקור הר"מ מלעלוב אצל המגיד מטשערנאביל

**האדמו"ר מלעלוב זצ"ל:** ס'איז דא א מעשה אז נאך די


**חברא קדישא גמחש"א דשיכון סקווירא** / בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

~ להגיד שבחו של אהרן ~

ברחשי הערכה ובשפתי רננה, נביע מקרב ולב כנה, ברכה נאמנה לראש ידידנו איש החינוך רב תבונה, מרביץ תורה וחסידות לעדרי צאן קדשים בכל עת ועונה, משפיע דעת ויראה שמחה ואמונה, מסור לכל אנשי שלומינו במסירות נאמנה, דולה ומשקה מתורתו מפי סופרים וחכמים, גומל חסד של אמת מתוך אהבת ישראל לילות כימים

**כש"ת מוה"ר אהרן** בר"מ **בערגער הי"ו** - גבאי 'חברא קדישא' רבות בשנים בנאמנות רבה

**לרגל שמחתו הגדולה לגומרה של תורה בחגיגת "סיום הש"ס" שלמד הדק היטב בעמל ושקידה רבה**

**בהאי עידנא דחדוותא דשמעתתא נרים על נס גבוה את מסירותו הנאמנה בלונ"ח זה רבות בשנים לארגן ולסדר צרכי אכילה ושתיה וכל המסתעף בהרחבה גדולה למען רבבות הפוקדים את ציון המצויינת של כ"ק מרן אדמו"ר זצוקללה"ה ביומא דהילולא קדישא ב' ניסן מדי שנה בשנה**

בזכות הרבצת תורתו ברוב גדלו, עוצם מעשיו ויקר פעלו, יהי שלום לכל אשר לו, ואך ששון ושמחה ישמע באהלו, וירוה רוב תענוג ונחת במעון זבולו, מבנים ובני בנים בדרך ה' ירוצון, ובקרבת ה' ודעת אלוקים יחפצון, ויהיו אמריו לרצון.

*ידידיו ומוקיריו המאחלים ברגשי הוקרה ; גבאי "חברא קדישא"*

פטירה פון הרה"ק רבי דוד'ל לעלובער זי"ע, איז זיין זוהן הרה"ק רבי משה'לע לעלובער זי"ע געפארן מיט הרה"ק רבי איציקל וואורקער זי"ע צום טשערנאבלער מגיד זי"ע, און רבי משה לעלובער האט געזאגט פאר רבי איציקל וואורקער אז ער זאל נישט זאגן ווער ער איז. זענען זיי אריינגעקומען צום טשערנובלער מגיד און ער האט זיי געגיבן 'שלום עליכם', וויאזוי הייסט א איד? זאגט ער 'משה'. פון וואו? פון 'לעלוב'. זאגט דער טשערנובלער מגיד: "אה, פון לעלוב - כ'האב געהערט פון רבי דוד'ל לעלובער". זאגט דער וואורקער אז רבי משה איז רבי דוד'ל לעלובער'ס א זוהן. לעלוב מיט טשערנוביל זענען געווען אין אנדערע געגענטער. [**אד"ש:** יא, דאס איז פוילן און דאס איז אוקריינא].

דערציילט זיי דער טשערנאבלער מגיד, אז דער טאטע זיינער דער הייליגער מאור עינים זי"ע נאך די הסתלקות, פלעגט קומען יעדע נאכט לערנען מיט איהם. איין נאכט האט ער אויפגעהערט צו קומען. איז ער געווארן זייער צובראכן ביי זיך, און ער האט אנגעהויבן מפשפש זיין במעשיו אז אפשר האט ער ח"ו עפעס פוגם געווען. ער האט תשובה געטוהן און תשובה געטוהן, און נאך פערציג טעג איז דער טאטע נאכאמאל געקומען און האט איהם געזאגט: "מיין קינד, דו האסט גארנישט קאליע געמאכט, גארנישט פוגם געווען, דער חסרון איז נישט אין דיר חס ושלום. נאר אזוי רבי דוד'ל לעלובער איז ארויפגעקומען אויבן און דא אויף דער וועלט האט ער נישט געזאגט קיין תורה, האט מען איהם מכבד געווען אויבן צו זאגן תורה און מ'האט אויסגערופן אז די גאנצע פמליא של מעלה און אלע נשמות פון צדיקים זאלן נישט אוועקגיין פון פלאץ. האט ער געזאגט תורה פערציג טעג און פערציג נעכט, און ממילא האב איך נישט געקענט קומען.

אבער אזוי האט ער איהם געזאגט: "מיין קינד, דו האסט גארנישט גארנישט פוגם געווען חס ושלום".

*בביקורו אצל רבינו, ליל ה' משפטים תש"ע*

**האדמו"ר מלעלוב זצ"ל:** דעם רבי'נס טאטע מרן זי"ע האט זיך געטראפן מיט מיין טאטן [הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זצ"ל]?

**אדמו"ר שליט"א:** ס'קען זיין אז ווען ער איז געווען אין ארץ ישראל. כ'ווייס נישט צי פערזענליך פנים אל פנים, אבער כ'ווייס אז ס'איז געווען א קשר מיט'ן טאטן ז"ל. מ'האט מיר נאכגעזאגט פארשידענע מימרות...

**האדמו"ר מלעלוב זצ"ל:** פון די טשערנאבלער קינדער זי"ע האט ער גערעדט אסאך.

**אדמו"ר שליט"א:** לעלוב איז געווען פולין און טשערנאביל איז געווען אוקריינא, אבער באמת יארן יארן צוריק נאך מיט הרה"ק רבי דוד'ל לעלובער זי"ע איז שוין אויך געווען א קשר. ס'איז דא א באקאנטע סיפור, כאטש ס'איז געווען אין מרחקים, האט עס למעשה געהייסן א געוויסע נאנטקייט מיט רבי דוד'ל לעלובער.

*בביקורו אצל רבינו, ליל ה' בהעלותך תשע"ג*

ואמר סולו סולו פנו דרך הרימו מכשול מדרך עמי

ברגשי הכרת הטוב והוקרה, נביע תודה רבה חמה ונהדרה, לידידינו עסקני החסד הגדולים הנודעים לתפארה, רבי פעלים לסייע לאחב"י ולכל רוח נשברה, מסורים בלו"נ לזולת בהתמסרות אדירה

**כש"ת מוה"ר יעקב יוסף גאלדמאן הי"ו - מגדולי עסקני רשויות התעופה**

**אשר בעת צר ומצוקה שנוכל להגיע בזמן להלויית נכדנו היקר כמר מתתי' גליק ע"ה, טרח להגיע לשדה התעופה וברוב כשרון ותבונה הצליח בס"ד לפתוח שערים ודלתות ולזרז את מעבר הגבול באופן חסר-תקדים**

**מוה"ר יעקב יוסף גאלדקלאנג ומוה"ר בנימין זאב שפיטצער שי' - חברי הנהלת 'ערשטע הילף'**

**אשר באו לעזרתנו במסירות לו"נ לפנות את הדרך משדה התעופה ועד הגעתנו לשיכון במהירות ובזהירות**

ברגשות מעורבים נביע ברכת תנחומים ואיחולי מז"ט לחותני/גיסנו הדגול **מוה"ר יקותיאל פינחס גליק הי"ו**

על פטירתו הטראגית של בנו אהובו הילד **מתתי'** ע"ה / ועל הקדמת רפואה למכה בלידת בנו אהובו כמר **יהודה** נ"י

איחולנו הנאמנים ברגשי הערכה, שבכל פעולותיהם האדירות תשרה ברכה, והקב"ה ישלם שכרם אלף פעמים ככה.

המאחלים בלב מלא רגשי הכרת הטוב: אהרן גולדמינדר-דומ"ץ קהל "סקווירא" בירושלים וב"ב / ובניו: יעקב פסח, ישראל

מענדיל, מרדכי פינחס, יעקב יוסף, משולם זושא, יהושע, דוד ניסן, יששכר דוב, חיים, משה, חנניא ליפא

## על הרה"ק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע

**האדמו"ר מלעלוב זצ"ל:** דער טשערנאבלער מגיד זי"ע האט געהאט אכט זיהן, און הרה"ק רבי אהרן זי"ע איז געווען דער עלטסטער און מ'האט געזאגט אויף איהם: 'אהרן עומד ומטיב את הנרות'.

**אדמו"ר שליט"א:** זקה"ק רבי איציקל סקווערער זי"ע איז געווען איינער פאר דער יונגסטער. הרה"ק רבי יוחנ'טשע ראחמיסטריווקער זי"ע איז געווען דער יונגסטער.

**האדמו"ר מלעלוב זצ"ל:** מיין טאטע ז"ל פלעגט זייער אסאך רעדן פון די טשערנאבלער קינדער. ער האט גערעדט פון אלע צדיקים, אבער פון טשערנאביל ספעציעל.

אויף רבי אהרן טשערנובלער האט מען געזאגט 'ויעש כן אהרן מלמד שלא שינה', מ'האט נישט געזעהן קיין שום שינוי אויף אים!

**אדמו"ר שליט"א:** מ'זאגט וועגן 'זאגן תורה' - צווישן דעם טשערנאבלער מגיד'ס קינדער זענען געווען פיר וואס האבן יא געזאגט תורה און פיר וואס האבן נישט געזאגט. כ'האב געהערט פונעם טאטן ז"ל, אז הרה"ק רבי אהרן טשערנובלער זי"ע האט געהייסן צווישן די וואס האבן 'יא' געזאגט, און די תורה איז געווען אז ער האט אנגעהויבן: "דער זיידע דער מאור עינים זאגט", און ער האט געזאגט און געזאגט און געזאגט און דער עולם האט נישט געהערט און נישט פארשטאנען - און ער האט אלעמאל מסיים געווען: "דער עיקר איז מחשבה דיבור ומעשה בלתי לה' לבדו", און אמאל האט ער געזאגט: "דער עיקר איז מחשבה דיבור ומעשה נאר פאר גאט ברוך הוא אליין"... דאס איז געווען די 'תורה'.

**מארחו הרב"צ פעלדמאן** מחשובי אנ"ש במאנסי: כ'האב געהערט פון הרה"ח ר' לייבל וויינשטאק ע"ה וואס האט געהערט פון בעלזער חסידים, אז דער פריערדיגער בעלזער רב הרה"ק רבי ישכר דוב זי"ע האט געזאגט: "די וועלט איז נישט געווען ראוי פאר די תורות פונעם אלטיטשקן רבי אהרן".

*בביקורו אצל רבינו, ליל ה' משפטים תש"ע*

## על הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע

**אדמו"ר שליט"א:** דער עלטער זיידע ז"ל דער בעלזער רב הרה"ק רבי ישכר דוב איז דאך געווען אן איידעם ביי א זוהן פון רבי אהרן, הרה"ק רבי ישעיה משולם זוסיא מטשערנוביל זי"ע. קרוב צו "פיר יאר" איז ער געווען די גאנצע צייט אויף קעסט אין טשערנוביל, ער האט זיך נישט אוועקגערירט ביז צום הסתלקות פון רבי אהרן.

דער טאטע ז"ל פלעגט אייביג מפליא זיין, אז דער עלטער זיידע ז"ל איז נאך געווען א יונגערמאן ווען רבי אהרן איז נסתלק געווארן, און ביי די לויה פאר סתימת הגולל ווען מ'האט שוין דעם ארון אריינגעלייגט אונטן, האט דער עלטער זיידע ז"ל נאך געגיבן א שפרונג אראפ און ער האט נאך איינמאל געגיבן א קוק. ער האט געזאגט: כ'האב זיך מיישב געווען אז כ'וועל איהם שוין

קופת "תומך ישראל" לעניי עירנו / לע"נ הרה"ח ר' **ישראל דוד** ב"ר יצחק שמעון **ע"ה** - מייסד הקופה

~ ושבחך לא ימוש מפינ"ו ~

רב ברכות נלהבות, בשמחות וגיל משולבות, אמע"כ הנדיב הנלהב רב תבונה, עושה גדולות לכלל ולפרט באמונה, איש חי ורב פעלים להרמת קרן עניי עירנו בכל עת ועונה, משליך נפשו מנגד להיטיב לזולת במסירות נאמנה, רחים ומוקיר רבנן לעמוד לימין חולי ישראל בגילה ודיצה, מסור לכל קדשי רבינו לילות כימים בלב ונפש חפצה, נהנין ממנו תושיה ועצה

**כש"ת מוה"ר מרדכי פינחס אסטרייכער הי"ו - מחשובי חברי וועד הנהלת הקופה**

**לרגל השמחה במעונו באירוסי בנו החתן המהולל כמר יעקב יוסף שי' עב"ג בת איש החסד מוה"ר אברהם פינחס גאלדקלאנג שי'**

**מכובדנו הנדיד המרומם ר' פיני שי'! עצור במילין לא נוכל מלהביע רגשי הכרת הטוב על פעולותיך הכבירות בכל לו"נ למען קופת "תומך ישראל" ועל עמדך הכן בכל עת בעצה ותבונה בשכלך הישר**

וטללי ברכות לראש משביר אביו העסקן והנדיב המרומם מוה"ר **אביגדור** הי"ו - מראשי קהילתנו הק' וקופתנו הק'

יה"ר שיזכה להמשיך בפעליו הנאדרים, ולעשות חיל במעשיו הנהדרים, ולראות רוב תענוג ונחת מצאצאיו הכשרים.

חברי ועד הנהלת הקופה: **שלום פינחס מאשקאוויטש ומענדל לעוויא** / חברי ועד הפועל: **שלום יוסף אונגער, הערשל פאל אלחנן קאופל, יהושע מענדל ראזענפעלד, שמואל מרדכי שטערן - בשם מאות המשפחות הנהנות**

מער נישט זעהן, האב איך זיך נישט געקענט צוריקהאלטן און כ'האב געגיבן א שפרונג אראפ... דער טאטע ז"ל האט דאס מפליא געווען, ווייל ער איז נאך געווען א יונגערמאן און ס'זענען דאך געווען דארט אסאך אייניקלעך!

ער איז זייער נאנט געווען, און די אלע שידוכים וואס ער האט געטוהן שפעטער זענען געווען בלי יוצא מן הכלל מיט "טשערנאביל". פארצייטנס מיט די פערד און וועגעליך, און דאס איז נישט געווען אין די זעלבע געגנט...

**האדמו"ר מלעלוב זצ"ל:** מיין טאטע הרה"ק רבי משה מרדכי זצ"ל איז געווען צוויי מאל ביים פריערדיגן בעלזער רב זי"ע.

**אדמו"ר שליט"א:** אזוי? דאס הייסט פון ירושלים?

**האדמו"ר מלעלוב זצ"ל:** יא. זיין טאטע הרה"ק רבי שמעון נתן נטע מלעלוב זצ"ל איז געווען אין קראקא אסאך יארן צוליב רפואה-זאכן, און מיין טאטע זצ"ל איז נתגדל געווארן ביי זיין זיידן הרה"ק רבי דוד'ל בידרמן מלעלוב זי"ע, און נאכ'ן הסתלקות פון זיידן איז ער געפארן קיין קראקא צום טאטן. ער איז געווען א נאשער פון רבי'ס, איז ער דעמאלס געווען צוויי מאל ביים פריערדיגן בעלזער רב רבי ישכר בער זי"ע.

ער פלעגט אליין דערציילן אז ער איז געווען דעמאלס א בחור פון פופצן יאר, און ער איז געווען אויף א שבת ביים בעלזער רב אין האלושיץ [**אד"ש:** יא, נישט ווייט פון בעלזא]. פרייטאג צונאכטס ווען דער פריערדיגער בעלזער רב האט געדארפט אריינקומען צום טיש, האט ער זיך אוועקגעשטעלט אזוי נעבן דעם פלאץ וואו דער רב האט געדארפט זיצן.

אין בעלזא זענען געווען אביסל שארפע גבאים, האט איינער פון זיי געזאגט: בחור'ל ריק זיך אוועק, שטיי נישט דא, ווייל דער רב וועט אריינקומען וועט ווערן א שטיפעריי און מ'וועט דיך שטיפן. האט מיין טאטע זיך אנגערופן צום גבאי'ן: נו, וואס אהרט אייך? מ'וועט דאך מיר שטיפן, נישט אייך... אבער דער גבאי האט איהם דאך אוועקגעשטיפט - אבער מיין טאטע האט נישט געכאפט קיין התפעלות און ער איז צוריקגעגאנגען אהין... ווען דער פריערדיגער רב איז אריינגעקומען, האט ער מקרב געווען דאס גאנצע צייט דעם "ארץ ישראל'דיגן בחור", און ער האט איהם געהאלטן ממש ביי זיך.

דער בעלזער רב הרה"ק רבי אהרן ז"ל פלעגט דערציילן אז ער איז אליין געווען דערביי, און שפעטער האט דער פריערדיגער בעלזער רב געזאגט אויף מיין טאטן, אז "ער האט נאכנישט געזעהן אזא ריינער בחור".

***בביקורו אצל רבינו**, ליל ה' משפטים תש"ע*

## אי אמירת תורה אצל הצדיקים

**האדמו"ר מלעלוב זצ"ל:** פון הרה"ק רבי דוד'ל לעלובער זי"ע זענען טאקע נאר דא איינציגע ווערטער. ער האט


בעת ייאמר ליעק"ב ולישרא"ל מה פעלו

ברגשי כבוד והכרה, ברחשי אהבה וחיבה יתירה, ברכה נאמנה בפינו שגורה, בלב מלא הערכה והוקרה, לגיסנו/אחינו אישי החסד הדגולים הנודעים לתפארה, רבי פעלים להגדיל תורה ולהאדירה, מסורים בלונ"ח להצלחת ורווחת כל קדשי בית סקווירא, להחיות לב נדכאים משליכים נפשם מנגד במס"נ גמורה, טובי לב למען כל אחב"י בנפש יקרה

גיסנו **מוה"ר יעקב יוסף גאלדקלאנג הי"ו** - מראשי 'ערשטע הילף' ו'המחלקים' בחצר קדשנו

**לרגל השמחה במעונו בלידת נכדתו למז"ט, בת ראשונה לבנו יקירו רב החסד מוה"ר אפרים הי"ו למזלא טבא**

ואחינו **מוה"ר ישראל אייזנבאך הי"ו** - מראשי עסקני הציבור ואישי החסד במאנסי והגלילות

**לרגל השמחה הכפולה במעונו בכניסת בניו התאומים הב' יו"ט זוסמאן והב' משה שי' לנועם עול תורה ומצוות**

**תרי צנתרי דדהבא ר' יעקב יוסף ור' סרולי, עליכם גאוותנו! עלו והצליחו במעשי החסד וההטבה לכלל ולפרט!**

איחולינו הנאמנים ברגשי הערכה, שבכל פעולותיהם האדירות תשרה ברכה, ויראו הצלחה רבה אלף פעמים ככה, בהרמת קרן התורה והחסידות הצרופה, מתוך נהורא מעליא ובריות גופא, והיו כעץ שתול על מים ועלהו לתרופה.

אחיהם וגיסיהם המאחלים בלונ"ח מלגו הוקרה וחיבה: **משה מרדכי, יעקב יוסף, בערל**

**יוסף שלמה אייזנבאך, צבי דוב וואלטער** / גדול השמחה: אביך וחותנך **דוד אייזנבאך**

בכלל נישט געזאגט קיין תורה. ער האט אמאל געזאגט עה"פ (תהלים קיט, יא) בלבי צפנתי אמרתך למען לא אחטא לך, אז אמרת"ך מיינט די תורה און אחט"א איז א לשון פון חסרון ע"ד (מ"א א, כא) והייתי אני ובני שלמה חטאי"ם. 'בלבי צפנתי אמרתך' כ'באהאלט די תורה אין הארץ און כ'זאג עס נישט ארויס, 'למען לא אחטא לך' אז ס'זאל גארנישט פעלן פאר דיר, פאר'ן באשעפער!".

**אדמו"ר שליט"א:** מ'האט געזאגט פשט אויף דעם, וואס ער האט געמיינט מיט'ן 'למען לא אחטא לך'?

**האדמו"ר מלעלוב זצ"ל:** אז ס'זאל נישט פעלן גארנישט פאר'ן רבוש"ע.

פון רבי דוד'ל לעלובער זאגט מען טאקע נאך א מורא'דיגע ווארט: 'עתיד הקב"ה לעשות מחול לצדיקים (תענית לא.)', אז לעתיד לבוא וועט כביכול בעטן די צדיקים זיי זאלן איהם מוחל זיין אויף וואס זיי האבן אזויפיל געליטן אויף דעם עולם!..

**אדמו"ר שליט"א:** 'ואשר הרעותי', די גמרא (ברכות לב.) זאגט אז דער אייבירשטער כביכול זאגט אויך 'אשר הרעותי (מיכה ד, ו)' אויפ'ן באשאפן דעם יצה"ר..!

פון זקה"ק רבי איציקל סקווערער זי"ע איז אויך ידוע אז ער האט כמעט נישט געזאגט אזוי ביים טיש קיין אייגענע תורה, ער פלעגט נאר שמועסן פרייטאג צונאכטס נאכ'ן דאווענען אין שטוב. זאגט מען נאך אז ער האט אמאל געזאגט: "'חם לבי בקרבי בהגיגי' ס'קאכט אין מיר ווען כ'טראכט נאר די תורה, 'תבער אש' וואספארא פייער וואלט געברענט, 'דברתי בלשוני' ווען כ'זאל עס נאך ארויסזאגן מיט'ן מויל אויך?!".

ער האט מקדים געווען אן ענליכע ווארט אז עמיצער האט אמאל מחבר געווען א ספר 'צאן קדשים' אויף קדשים און ער איז געקומען בעטן אן הסכמה פונעם ר"ר ברוכ'ל מעזיבוזער זי"ע, האט ער געזאגט אן אנדערע בחינה מעין זה: "מחבר זיין א ספר אויף קדשים וואלט געווען ביי מיר זייער א שווערע זאך, ווייל 'חם לבי בקרבי' ווען כ'טראכט מיר, אז 'תבער אש' די פלאץ וואו ס'איז געווען אמאל דער מזבח און מ'האט מקריב געווען קרבנות, 'דברתי בלשוני' קען מען היינט נאר מקיים זיין מיט ונשלמה פרים שפתינו (הושע יד, ג)".

**האדמו"ר מלעלוב זצ"ל:** דער טאטע כ"ק מרן ז"ל פלעגט יא זאגן תורה?

**אדמו"ר שליט"א:** ניין, ער האט אויך נישט געזאגט. פרייטאג צונאכטס נאכ'ן טיש פלעגט ער נאכזאגן און שמועסן, און ממילא איז עס שוין אזוי געבליבן אלע יארן...

***בביקורו אצל רבינו**, ליל ה' בהעלותך תשע"ג*

**זכר צדיק וקדוש לברכה**


**מפעל "מעיינות החסידות" דחסידי סקווירא** / בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

~ חכם לב יקח מצות ~

ברכת מזל טוב חמה ונהדרה לידידנו הדגול והנכבד איש חי ורב פעלים לה' ולתורתו הקדושה, טוב ומטיב למען עניי ישראל במדה גדושה, רב תבונות ואיש חמודות, בעשיית צדקה וחסד לו עשר ידות

כש"ת מוה"ר **מרדכי פינחס אסטרייכער** הי"ו ומנב"ת

לרגל אירוסי בנו החתן תמים למעלות כמר **יעקב יוסף** נ"י עב"ג בת היקר באנשים מוה"ר **אברהם פינחס גאלדקלאנג** הי"ו - נכדת הרה"ק ר"ר אלימלך זי"ע

והזמן גרמא להעלות על נס מה שתרם בעין יפה בהיותו

**פטרון "הכרך הראשון"** ברכישת זכות ספר בראשית של **ספה"ק נועם אלימלך - 'אידיש'**

שיוצא לאור אי"ה לקראת ההילולא קדישא כ"א אדר הבעל"ט להנאת רבבות מישראל

לזכר ולעילוי נשמת חותנו הרה"ח ר' **מאיר דוב** ב"ר זושא ע"ה **גרינבערג** שיליץ בעדו ובעכב"ב לכט"ס

יהי רצון שהזיווג יעלה יפה יפה לטובה ולברכה, עם נחת ושמחה במדה מרובה וגדושה אלף פעמים ככה.

*החותמים ברגשי שמחה והוקרה והערכה:*

*הנהלת המפעל בשם אלפי לומדי ספרו הק' במסגרת ספרי חסידות יומי*